פון צייטונגען און זשורנאַלן

יצחק באַשעוויס וועגן יהושע פערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר"

אין דער ליטעראַטור־ביילאַגע פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", האָט יצחק באַשעוויס אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע רעצענזיע איבער יהושע פערלעס בוך „יידן פון אַ גאַנץ־יאָר". מיר ברענגען דאָ די רעצענזיע מיט קליינע קיצורים:

„יידן פון אַ גאַנץ יאָר" איז נישט אַ בוך, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף אַ טעמע, דער מחבר קומט אונז נישט דערציילן אַ געשיכטע. אַ סיפּור־המעשה אין געוויינלעכן זין פון וואָרט איז אין דעם בוך נישט פאַראַן. וואָס פערלע האָט געוואָלט, איז: אויפוויקלען פאַר אונז אַ שטיק לעבן, וואָס געהער שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווייזן אונז ווי אַזוי עס האָט געלעבט איר טאָגטעגלעך לעבן אַ יידישע אָרעמע משפּחה אין פּוילן מיט דרייסיק יאָר צוריק. ווען אַ שרייבער שטעלט זיך אַזאַ ציל, קאָן מען נישט פאַרלאַנגען פון אים, אַז די פּאַסירונגען זאָלן זיך ענג צורייפאַסן איינע אין דער אַנדערער און אַז דער אינטערעס פון לייענער זאָל וואַקסן פון בלעטל צו בלעטל. די אויפגאַבע פונם שרייבער איז איינע: צו מאַכן אַזוי, אַז מיר זאָלן ד ע ר ז ע ן די צייט, דאָס אָרט, די פּערזאָנען און דעם גאַנצן שטייגער, וועלכן ער וויל פאַר אונז אויפלעבן.

טריט ביי טריט, מיט שיינער רואיקייט און מיט דער קאַלטקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שאַפן, פירט אונז פערלע אַריין אין דער וועלט פון זיין יוגנט. באַלד פון די ערשטע עטלעכע זייטלעך באַקומען מיר אַ בילד פון דער היים און פון די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין איר. די שטוב איז נישט בלויז אַ גרויע און אָרעמע, נאָר אויך אַן אומהיימלעכע. דער טאַטע האָט דערוואַקסענע קינדער פון דער ערשטער ווייב, די מאַמע האָט קינדער פון ערשטן מאַן און דאָס איינציקע בשותפותדיקע קינד איז דער דערציילער אַליין. דאָס לעבן איז שווער און אָפּט מיאוס, פול מיט דלות, פּיין און גייסטיקער אָרעמקייט. זיין מוטער הערט נישט אויף צו האָבן טענות צום מאַן און איבערחזרן מיט גדלות, אַז ביים ערשטן מאַן האָט זי געוווינט אין אַ דירה מיט מ ע ש ע נ ע קליאַמקעס!.. זיין שוועסטער טויבע, אַ דינסט, פאַלט אַוועק שבת בייטאָג אין אַ שנייי און האָט אַ ממזר פאַר אַלעמען אין די אויגן. אַ שווערן איינדרוק לאָזט איבער די געשיכטע ווי דער מאַמעס זון פונם ערשטן מאַן, יונה, טשעפּעט זיך צו דעם טאַטנס טאָכטער פון דער ערשטער ווייבע. אַלץ איז אָבער באַשריבן אַזוי עכט און מענטשלעך, אַז אַנשטאָט עקל, פילן מיר מיטלייד און אַפילו סימפּאַטיע צו די מענטשן, וואָס האָבן עפּעס בעסערס קיינמאָל נישט געזען. אַ פרומע שיין פון אָרעמקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף די העלדן. דער שענסטער טיפּ פון דעם ראָמאַן (אויב מען קאָן דאָס בוך אַזוי אָנרופן) איז דער טאַטע, אַ האַלבטויבער, אַ שווייגער, אַ פאַרהאָרעוועטער, איינער פון יענע יידן, וואָס זענען אין ערגעץ נישט אָנגעזען. אַפילו נישט אין דער אייגענער היים, און דאָך — פול מיט גרויסער ערלעכקייט און ערנסט.

יהושע פערלעס קראַפט ליגט אין זיין שילדערן, אין זיין טאַלענט אַוועקצושטעלן פאַר אונז מענטשן און איבערצוגעבן שטימונגען מיט דער הילף פון בילדער, שילדערונגען. ווען די מאַמע פאָרט אַוועק קיין וואַרשע אויף איר טאָכטער ציפּעס תנאים, דערציילט אונז פערלע: „אַ סך יאָרן האָט די מאַמע געשיקט דער דאָזיקער ציפּעלען געלע באַרן, ווי גלאָקן, טעוועלעך שאָקאָלאַד, געפלאָכטענע און געדרייטע פּוטער־קוכנס און פון צייט צו צייט — פּאַפּירענע איינצלנע רובלס. דערפון האָט ציפּעלע באַקומען אויסגעקניפּטע רויטע בעקלעך, אַ שיינעם געשטעל און אַ חתן אָן אַ גראָשן געלט". און אָט איז אַ בילד פון איר צוריקקומען: „די מאַמע שטייט ווי אַ פרעמדע. זי איז געקומען פון וואַרשע אין אַ לאַנגן שוואַרצן פּאַלטאָ מיט נאָך אַ שוואַרצערן פוטערנעם קאָלנער. פון אירע מלבושים גייט אַ געפּרוּווירענער ריח ווי פון שטאָל".

דעם אמת געזאָגט איז שוין פערלעס בוך אַביסל צופיל גרוי און צופיל וואָכעדיק. עס פעלן אינם ווערק שבתים און יום־טובים, ס'איז דאָ נישטאָ יענער ראָמאַנטיזם, וואָס אָן אים איז שווער זיך פאָרצושטעלן דאָס לעבן פון אַ יידיש יינגל אין אַ רעליגיעזער סביבה. דאָס יינגל מענדל (ווי פערלע רופט זיך אַליין), דער העלד פון דעם בוך, האָט נישט געקאָנט זען אַרום זיך בלויז חורבן, וואָרום זיין כאַראַקטער, אויף וויפל ער ווערט איבערהויפּט געצייכנט, איז גאָרנישט אַזאַ שוואַרץ־זעערישער. דאָס יינגל איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ שטומער עדות פון די געשעענישן, ער איז נאָר דער, וואָס דורך זיינע אויגן קוקט פערלע מיט זיין היינטיקן בליק אויף דעם פאַרגאַנגענעם. ווען פערלע וואָלט זיך מער אַריינגעלעבט אין זיין יינגערער פּסיכאָלאָגיע פון יענער צייט, וואָלט זיכער זיין ווערק באַלויכטן געווען מיט אַן אַנדער ליכט. אָבער דאָס איז אַ פעלער כמעט אַן אומפאַרמיידלעכער. עס באַגייען אים אַלע יענע, וואָס שרייבן וועגן זיך אַליין. ס'איז שווער צו זיין דער העלד פון דעם אייגענעם ווערק. דאָס איז די געפאַר אויף וועלכער עס זענען אויסגעזעצט אַלע, וואָס שרייבן אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען. פערלע האָט דאָס פּראָבלעם געפּרוּווט לייזן דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַליין ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן. נישט בלויז ווייסן מיר נישט קיין שום זאַך וועגן מענדלס גייסטיק לעבן, וועגן זיין אינערלעכער וועלט, נאָר מיר האָבן אַפילו נישט קיין אַנונג, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען. בכלל איז דער פאַרבאָרגענער ציל פון דעם קינסטלער אויסצומאָלן דאָס לעבן מגושמדיקער און אָרעמער ווי עס האָט פאַקטיש געקאָנט זיין, כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר אים, נאָר פאַר אַ סך מאָדערנע יידישע רעאַליסטן, ווי דוד בערגעלסאָן, א. מ. פוקס, עוור וואַרשאַווסקי און אַנדערע. וועלנדיק זיין „טריי דער ווירקלעכקייט" און אויסהיטנדיק זיך פון יעדער אידעאַליזאַציע, טרייבן זיי איבער אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

מיט דעם איצטיקן באַנד איז דאָס ווערק „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" נישט פאַרענדיקט. אויף דעם לעצטן זייטל ווערט ערשט דער העלד בר־מצווה. עס וועט וואַרשיינלעך קומען אַ צווייטער באַנד און אַ דריטער. אָבער שוין דער ערשטער באַנד איז אָן שום ספק אַ גרויס געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי אָרעם אין גוטע פּראָזע־ווערק. מען ענדיקט לייענען מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו דעם מחבר, וואָס האָט אונז געוויזן, ווי אויף דער האַנט, אַ שטיק מענטשלעך און יידיש לעבן.

שוין דערשינען: **יצחק פערלאָוו**

בלאַנדזשענדע קאַיאַפן

(ראָמאַן פון אַקטיאָרישן לעבן)

אַן אינטערעסאַנט בוך, וואָס שילדערט אונז מיט אַ לייכטער, הומאָר־פולער שפּראַך דאָס לעבן פון יידישע אַקטיאָרן אין פּוילן, הן אין וואַרשע און הן אויף זייערע רייזעס איבער דער פּראָווינץ. 200 זייטן, עסטעטיש אויסגעגעבן מיט אַ קינסטלערישער הילע פון ש. ניסנבוים.

פּרייז 3.25 (ביבליאָטעקן און בוכהאַנדלונגען — ראַבאַט)

יעדער אַקטיאָר, טעאַטער־ליבהאָבער און דראַמ.־קרייז מוז האָבן דאָס בוך

זיך ווענדן: „קולט־בוך", וואַרשע, נאַלעווקי 2a, פּ. ק. אָ. 6533

„ליט. בלעטער", גזשיבאָווסקע 24 PKO. 639, N. Majzel